**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט א נייע פשוט'ערע אפליקאציע פאר מענטשן וואס ווענדן זיך פאר הילף פון די סטעיט פאר פארברעכן-פארבינדענע אויסגאבן

***ניו יארק סטעיט אפיס פון קורבנות סערוויסעס ארבעט איבער פארגוטיגונג אפליקאציע צו עלימינירן פראגן, מאכן שפראך מער פשוט און פארקערצערן די לענג צו העלפן פארזיכערן א פרייינטליכערע פראצעדור פאר אפליקאנטן***

***בארעכטיגטע מענטשן קענען באקומען הילף מיט מעדיצינישע און קאונסעלינג בילס, לוויה און באגרעבעניש אויסגאבן און פארגוטיגונג פאר פארלוירענע געהאלטן, צווישן אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז עס איז דא א נייע פשוט'ערע אפליקאציע פאר מענטשן וואס ווענדן זיך פאר הילף פון די סטעיט פאר פארברעכן-פארבינדענע אויסגאבן. די ניו יארק סטעיט אפיס פון קורבנות סערוויסעס האט איבערגעארבעט איר פארגוטיגונג אפליקאציע צו עלימינירן פראגן, מאכן די שפראך מער פשוט און פארקערצערן די לענג צו העלפן פארזיכערן א פרייינטליכערע פראצעדור פאר אפליקאנטן. OVS שטעלט צו א קריטישע פינאנציעלע זיכערהייט נעץ פאר מענטשן וואס האבן נישט קיין אנדערע מיטלען וויאזוי צו באצאלן פאר אויסגאבן וואס זענען געקומען אלס רעזולטאט פון פאלן א קורבן צו א פארברעך, ווי צום ביישפיל מעדיצינישע און קאונסעלינג בילס, לוויה און באגרעבעניש קאסטן און פארגוטיגונג פאר פארלוירענע געהאלטן, צווישן אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף.

"ניו יארק האט א לאנגיאריגע היסטאריע מיטן זיכער מאכן אז מענטשן און פאמיליעס וועלכע זענען געשעדיגט געווארן אלס רעזולטאט פון א פארברעך זאלן קענען צוקומען צו שטיצע, סערוויס און פינאנציעלע הילף וואס זיי דארפן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די איבערגעגעבנקייט וואלט נישט מעגליך געווען ווען נישט די ארבעט וואס איז געטוהן געווארן דורך די אפיס פון קורבנות סערוויסעס'ס איינגעשטעלטע און קרבנות הילף פראפעסיאנאלן וועלכע האבן אוועקגעגעבן זייערע קאריערעס צו באדינען מענטשן וועלכע זענען אריבער אומבאשרייבליכע פארלוסט, טראומע און ווייטאג. איך בין געוואלדיגע דאנקבאר פאר זייער ארבעט וואס האט א השפעה אויף אזוי פילע לעבנס אריבער ניו יארק סטעיט."

"עס טאר נישט זיין אז מענטשן וואס פאלן א קרבן צו א פארברעך זאלן זיך דארפן זארגן איבער די פינאנציעלע קאסטן פון דעם ערהוילונג פראצעדור", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "די אפיס פון קורבנות סערוויסעס ברענגט אראפ מויערן און מאכט זיכער אז די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך פארברעכן האבן צוטריט צו די מיטלען און סערוויסעס וואס זיי דארפן זיך צו היילן און זיך פאראויס רוקן. מיר ווילן זיכער מאכן אז ניו יארקער באקומען די שטיצע וואס קומט זיך זיי."

**אפיס פון קורבנות סערוויסעס דירעקטארין, עליזאבעט קראָונין, האט געזאגט,** "מיין מאנשאפט ביי די אפיס פון קורבנות סערוויסעס זוכט שטענדיג פאר וועגן וויאזוי מיר קענען גלאט מאכן און פארבעסערן אונזערע פראצעדורן כדי זיי זאלן זיין צענטרירט ארום דעם קורבן און איבערלעבער און זיך רעכענען מיט טראומע. מיר האבן צוריקגעהערט אויסגעצייכנטע קאמענטארן פון קרבנות שתדלנים און פון סערוויס פראָווײדערס וועלכע שפילן א קריטישע ראלע ביים העלפן מענטשן אפלייען פאר הילף, און די פארקערצערטע אפליקאציע איז א רעזולטאט פון די צוזאמענארבעט צווישן זיי און די OVS איינגעשטעלטע. איך באדאנק זיי פאר זייערע געדאנקען און פאר זייער פארפליכטונג צו צושטעלן קעיר פון די העכסטע קוואליטעט פאר קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן."

כאטש די אפיס פון קורבנות סערוויסעס האט געענדערט איר אפליקאציע ווי נויטיג צו אדרעסירן אמענדמענטס צו סטעיט געזעצן וועלכע באשטימען די תנאים צו זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף, דאך זענען די לעצטע ענדערונגען צו די דאקומענט די מערסטע באדייטנד אין צענדליגע יארן. פריוואטע מענטשן, סערוויס פראָווײדערס און קרבנות שתדלנים האבן אויסגעדרוקט זארגן איבער די לענג פון די דאקומענט און איבער עטליכע פראגן וואס זענען געווען צו פערזענליך — אפט אנטמוטיגנדיג מענטשן פון אפלייען פאר הילף. די פונדאסנייע אויסגעשטעלטע אפליקאציע שטעלט צו די נויטיגע אינפארמאציע פאר די אפיס פון קורבנות סערוויסעס צו צוטיילן די קלעימס צווישן די שטאב מיטגלידער וועלכע פארשאפן דערנאך סיי וועלכע צוגאבליכע דאקומענטן צו מאכן באשלוסן ווי נויטיג, געוואנדן אויף די סארט הילף וואס ווערט געבעטן. די אפליקאציע האט יעצט פינף בלעטער אנשטאט ניין, און די צאל פראגן איז געשניטן געווארן אין האלב צו זיבן אראפ פון 14.

דורכאויס די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2022-23 האט די אפיס פון קורבנות סערוויסעס צוגעשטעלט 14.6 מיליאן דאלאר פאר קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן און פאר זייערע פאמיליע מיטגלידער פאר מעדיצינישע און קאונסעלינג בילס; ריהעב צו קענען צוריק ארבעטן; פארלוירענע געהאלטן און שטיצע; לוויה און באגרעבעניש אויסגאבן; קאסטן פארבינדן מיט געריכט און מעדיצינישע טראנספארטאציע, סעקיוריטי דעווייסעס, זיך אריבערציהען און רייניגונג פון פארברעך סצענע; און ערזעצונג אדער פאררעכטונג פון ווענזטליכע פערזענליכע פארמעגן. ניו יארק איז די איינציגסטע סטעיט אין דאס לאנד וואס האט נישט קיין מאקסימום וויפיל מעדיצינישע און קאונסעלינג אויסגאבן קענען פארגוטיגט ווערן; סטעיט געזעץ באגרעניצט אנדערע סארטן צוריקצאלונגען אדער פארגוטיגונגען. די OVS צאלט אויך דירעקט צוריק פאר מעדיצינישע פראָווײדערס כמעט 2 מיליאן דאלאר פאר אויספארשנדע אונטערזוכונגען נאך אן אונס (רעיפ) דורכאויס פיסקאלע יאר 2023. אלעי צוריקצאלונגען און פארגוטיגונגען פאר פארברעכן-פארבינדענע קאסטן ווערן אויסגעצאלט דורך קנסות, פיס און צוצאלונגען באצאלט דורך געוויסע מענטשן וועלכע ווערן באשולדיגט אין סטעיט און פעדעראלע געריכטן — נישט פון פעדעראלע אדער סטעיט שטייער דאלארן.

פריער דעם חודש האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א ביל (S.214A/A.2105A) צו אויסברייטערן די בארעכטיגונג פאר קורבן פארגוטיגונג געלטער פאר קרבנות און איבערלעבער פון פארברעכן. דער געזעץ נעמט אוועק די פאדערונג אז קרבנות זאלן דארפן אריינגעבן דאקומענטן פון געזעץ אינפארסירונג כדי צו זיין בארעכטיגט פאר פארגוטיגונג, און עס גייט ארויף אויף פארברעכנס וועלכע קומען פאר פון דעצעמבער 31, 2025 און ווייטער. די דאטום ווען דער געזעץ גייט אריין אין קראפט גיבט פאר די אפיס פון קורבנות סערוויסעס גענוג צייט זיך צו גרייטן פאר די איינפירונג פון דעם און פון אנדערע באדייטנדע ענדערונגען וועלכע זענען אריינגערעכנט אין דעם געזעץ.

די איבערגעארבעטע פארגוטיגונג אפליקאציע איז נאך א ביישפיל פון די אפיס פון קורבנות סערוויסעס'ס באמיאונגען צו פארבעסערן צוטריט צו סערוויסעס, פארברייטערן בארעכטיגונג פאר פינאנציעלע הילף און אויפבויען קאפאציטעט צווישן סערוויסעס פראָווײדערס דורך פראפעסיאנאלע טרענירונג און טעכנישע הילף. אין לעצטיגע יארן האט די OVS:

- געעפנט OVS Resource Connect — אן אינטערנעט פלאטפארמע וואס ערלויבט מענטשן צו טרעפן הילף און הילפס-מיטלען דורכן אריינשרייבן אין פשוט'ע ווערטער וועלכע סארט שטיצע זיי דארפן פאר א ספעציפישע זארג אדער באדערפעניש לויט זייער זיפ קאָוד. די OVS Resource Connect שטעלט דערנאך צוזאם א ליסטע פון פראגראמען וואס קענען צושטעלן סערוויסעס צו נאכקומען זייערע באדערפענישן.

- געשטופט און געשטיצט א רייע געזעצן וואס האבן – ווען זיי זענען דורכגעפירט געווארן – פארברייטערט צוטריט און בארעכטיגונג פאר פארגוטיגונג, אריינרעכענענדיג דאס ערלויבן קורבנות פון האסע פארברעכנס, אומגעזעצליכע פארשפרייטונג אדער פארעפנטליכונג פון א פריוואטע בילד און ווערן געשטעלט אין סכנה ('ענדיינדזשערמענט') פון די ערשטע אדער צווייטע דעגרי צו באקומען פארגוטיגונג פאר פארלוירענע פארדינסטן, פארברעכן סצענע רייניגונג קאסטן, קאונסעלינג און אנדערע אויסגאבן וועלכע ווערן נישט געדעקט דורך אינשורענס, אפילו אויב זיי זענען נישט פארוואונדעט.

- פארמערט פארגוטיגונג פאר וויקטימע פערזענליכע פארמעגנס וואס זענען פארלוירן אדער געשעדיגט געווארן פון $500 צו $2,500; פארמערט עמערדזשענסי גרענטס פאר באגרעבעניש אויסגאבן צו ביז אזויפיל ווי $3,000; און פארברייטערט צוטריט צו פארגוטיגונג פאר מענטשן וואס זענען געפאלן א קורבן צו האסע פארברעכנס אבער זענען נישט פיזיש פארוואונדעט געווארן.

די אפיס פון קורבנות סערוויסעס פינאנצירט און שטיצט אויך 239 קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען אריבער די סטעיט וועלכע שטעלן צו קריטישע סערוויסעס, ווי צום ביישפיל קריזיס קאונסעלינג, שטיצע גרופעס, קעיס מענעדזשמענט, עמערדזשענסי שעלטער, ציווילע לעגאלע הילף און הילף זיך צו אריבערציהען צו א נייע פלאץ – צווישן אנדערע סארטן הילף – פאר קורבנות און איבערלעבער, זייערע באליבטע און זייערע קאמיוניטיס. די פראגראמען שטעלן צו סערוויסעס אומזיסט און אפגעזעהן פון אויב א מענטש האט באריכטעט די פארברעכן צו די פאליציי אדער נישט. מער פון 80 פראצענט פון אפליקאציעס פאר פינאנציעלע הילף ווערן אריינגעגעבן דורך איינגעשטעלטע פון די פראגראמען. פאַלאָוט די אפיס פון קורבנות סערוויסעס אויף X (וואס פלעגט הייסן Twitter) און Facebook.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן